# פֿאַר מײַן טיר

איך טראָג אויף מײַן רוקן די פֿרעמדקייט פֿון לאַנד
און שטיי פֿאַר מײַן האַלצערנער טיר, וואָס תּמיד
איז גרייט אויפֿצונעמען ווי אַ קרומע וואַנט
מײַן אומעט.

עס ווייסט נישט קיין איינער דאָ וואָס איך טו.
כ׳דאַרף נישט דערציילן. כ׳ דערצייל נישט קיינעם.
ס׳דרעמלט דאָ שטענדיק אויף דעכער די רו.
און זאַטקייט לעבן מײַנע פֿרעמדע שכנים.

און זע איך אַמאָל ווען אַ שכן פֿאַרביגיין,
זאָג איך אַזוי : זײַ שטיל, זײַ פֿאַרבאָרגן.
וואָס טויג דען צו זען זיך אַ נאַקעטער שטיין
פֿאַר פֿרעמדע, וואָס שמייכלען קוים צו אַ גוטמאָרגן.

כ׳ווייס, אַז פֿון פֿרעמדקייט איז קראַנק מײַן געמיט.
כ׳וועל אפֿשר געפֿינען אַ זאַך וואָס איז אייגן.
ס׳וועט קומען אַ וואָרט. אויך אפֿשר אַ ליד
און אויסהיילן מײַן שווייגן.

נאָר טרויעריק איז מיר ביז גאָר אין דעם לאַנד.
איך שטיי פֿאַר מײַן האַלצערנער טיר, וואָס תּמיד
איז גרייט אויפֿצונעמען ווי אַ קרומע וואַנט
מײַן אומעט.